# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו


**לן יאי למבכי לן יאי למספד**

תרדנו עינינו דמעה על פטירת ידידינו עוז האי גברא רבא ויקירא, עסק בצדקה וחסד תדירא,
השליך נפשו לעזור להכלל והפרט במסירה, ידיו אמונה לעזור לנקיי הדעת עד זבולי בתרייתא,
גופו נתן למכים לחיו למורטים במערכות יהדות הנאמנה,
כש"ת הרב החסיד המפורסם רבי **מרדכי הלוי ווייס** ז"ל
מייסד קופת עזרה שומרי חסד - שלש תרומות בעיה"ק ירושלים תובב"א
ויו"ר להצלת הביה"ח בעיר **אליק** – מנו"כ של הצה"ק לבית אליק זי"ע
נטפי תנחומים בזה הנה שלוחה למעלת כבוד משפחתו החשובה הי"ו
ובפרטיות לבנו החשוב ידידינו הרה"ח מוה"ר ר' **צבי ארי'** שליט"א
המנחם ירושלים הוא ינחמכם, ותראו רב נחת מכל יוצ"ח מתוך שמחות.

## צוגרייטונגען צו פראיעקטן תשע"ד

### קורצע נאטיצן פון די ערפאלגרייכע נסיעה לטובת הצלת בתי חיים דורך הנהלת אבותינו פארגאנגענע וואך

• **אוקריינע:** שלוחי אבותינו זענען צום ערשט געפארן צו **קאלאמייע**, וואו די חשוב'ע יוצאי העירווארטן שוין בכליון עינים מען זאל באשטעטיגן די בוי ארבייט אין ביה"ח ישן נושן, ווי אויך צוענדיגן געוויסע פרטים וואס זענען נויטיג צום השלמה פונ'ם גדר ארום דעם ביה"ח הישן, מקום מנו"כ של הגה"ק רבי הלל קאלאמייע'ער זצ"ל. די אינטערוועוענץ האט בע"ה גאר גוט אויסגענומען, און עסקני "אבותינו" האפן צוצוטרעטן צו די ארבעט בקרוב בס"ד.

• דערנאך האבן די עסקנים זיך געטראפן מיט'ן הויפט אוקריינישער קאנטראקטאר אויסצושמועסן ווי אזוי פאראויס צו גיין אין די בתי חיים אין **בילקאמין, דעלאטין** און **סט. מיקלאש**, וואס די אלע ארבעט איז פארהאלטן צוליב פארשידענע סיבות. די פאזיטיווע פארהאנדלונגען ברענגען ארויס האפענונג אז די ארבעט וועט זיך רוקן פאראויס מיט הצלחה בע"ה. אין דער זעלבע צייט האבן די עסקנים אויפגענומען מיט פרייד די נייעס אז די מאטריאל פאר'ן גדר אין **שאנדריף** איז שוין בע"ה אנגעקומען צום ביה"ח.

• **סלאוואקיי:** אויף מיטוואך האבן זיך די געטרייע עסקנים געפונען אין סלאוואקיי, וואו אינטענסיווע פארהאנדלונגען האבן זיך אנגעהויבן צו פאראויס שטופן די געציילטע פראיעקטן וואס זענען פארהאקט געווארן צוליב ביוראקראטישע סיבות. "אבותינו" האט זיך פארבונדן מיט די מעיארן אין **מיהאלאוויץ-סטראניאן, ראדוואן** און **גיידוש** און האבן געמאכט נאנטע קאנטאקטן מיט די באאמטע וואס וועט האפנטליך פירן צו א געמיינזאמע קאאפעראציע אין די ווייטערדיגע פעולות.

• "אבותינו" האט דאן אויפגענומען פערזענליך אן אדוואקאט צו פארהאנדלען מיט די שכנים פונ'ם **סטראפקוב'ער** ביה"ח צו דערגרייכן אן אפמאך איבער'ן שטח וואס מען דארף ארומנעמען מיט א גדר.

• **פוילן:** דאנערשטאג, אויפ'ן וועג צום לופט-פעלד, האבן עסקני אבותינו געמאכט א בליץ-באזוך אין פריסטיק, וואו זיי האבן ממשיך געווען די קאנטאקטן מיט'ן קאנטראקטאר פאר די קומענדיגע פוילישע פראיעקטן.


מיט די אינסטאנצן אין מיהאלאוויץ, סלאוואקיי

• עסקני אבותינו קערן זיך צוריק פון די דערפאלגרייכע נסיעה מיט האפענונג ווייטער צו ארבעטן און ענדגילטיג מתקן זיין די בתי חיים בכבוד הראוי.

**...ועוד כי רצה להודיענו מקום קבורת האבות באשר אנחנו חייבים לכבד מקום קבורת אבותינו הק'.**
(רמב"ן חיי שרה)



קאלאמייע ישן, אוקריינע: פארהאנדלונגען צו פארענדיגן דעם גדר המפואר



גיידוש, סלאוואקיי: עסקני אבותינו מיט'ן מעיאר איבער'ן ביה"ח



סטראפקוב, סלאוואקיי: מיטונג מיט די אדוואקאטן



פריסטיק, פוילן: ביים ביה"ח מיט'ן קאנטראקטאר